# קרית מלך רב

לענגערע דעטאלירטע שילדערונג פון גרינדונג און הערליכע אויפבליה פון די הייליגע שטאט "קרית יואל" • **שמואל שלמה טעללער, קרית יואל** | תסג



## הרה"ח ר' יהושע הלוי ווערצבערגער שליט"א (כג)

### א טרער פון א אידישע מאמע

איך קען נישט פארגעסן ווי אין א זונטאג אויפדערנאכט - געווען איז דאס פאר פורים תשי"ז - צוויי נעכט איידער איך האב געדארפט אפרייזן קיין ניו יארק, האט מיין מוטער ע"ה מיר איינגעפאקט פרישע קינדל מיטצונעמען אויף די רייזע, וויבאלד קינדל האט א מעלה אז עס האלט זיך לאנג פריש, און מ'קען דאס מיטנעמען אויפן וועג.

מיין מאמע האט זיך דאן זייער צעוויינט, אויף מיין פראגע פארוואס זי וויינט, זאגט זי: "איך וואלט אזוי געוואלט צוגרייטן די קינדל אויף א שמחה, און דא בין איך זיך נישט זוכה דערצו, איך האב שוין אוועקגעשיקט די עלטסטע טאכטער קיין אמעריקע און איך בין נישט געווען אויף איר חתונה, און אצינד דארף איך אויך דיר אוועקשיקן קיין ניו יארק און נישט מיטהאלטן דיין שמחה פונדערנאנט..."

ממש אין יענע מאמענט, באותו מעמד, עפענט זיך די טיר פון אונזער שטוב, עס שפאצירט אריין הרה"ח ר' משה הערש האפמאן ע"ה דער שו"ב - ער איז געווען דער שווער פון הגה"צ רבי אברהם הערש בעק זצ"ל גאב"ד מעלבוירן - און רופט זיך אן: "יהושע, איך האב פאר דיר א שידוך!".

איך האב אים פרובירט מסביר זיין אז איך גרייט זיך שוין די וואך דינסטאג ארויספארן קיין אמעריקע פאר א שידוך, און דא קומט איר צעווארפן מיינע פלענער...

אבער ער האט זיך נישט געלאזט, און נאך א ווײַלע איז דער טאטע ז"ל אנגעקומען אהיים און ער האט איבערגעגעבן פאר'ן טאטן זיין הצעה איבער דעם שידוך מיט מיין חשובע ב"ב שתחי', די טאכטער פון הרה"ח ר' שמואל הערשטיק ז"ל. איך האב פרובירט צו זאגן אז ער איז א בעלזער חסיד, און ער וויל נישט קיין סאטמארער בחור. אבער ער האט אלעס גענומען אויף זיך אז ער וועט דאס מסדר זיין על צד היותר טוב.

יענעם דינסטאג איז דער שידוך געווארן געשלאסן אין שטוב פון מיין שווער ז"ל, און זונטאג דערויף איז אפגעראכטן געווארן דער 'שמחת התנאים' בראשות מורי ורבי הרה"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל און מו"ר הגה"צ דער מאקאווער רב ז"ל. דארט ביים תנאים האט מען סערווירט מיין מאמע'ס קינדל...

אלע משתתפים האבן געשמועסט פון די מעשה וואו מיין מאמע האט אזוי געוויינט ביים איינפאקן די קינדל, און דא איז איר תפלה אזוי גיך געווארן אנגענומען און זי קען זיך מיטפרייען מיט די שמחה פון איר קינד דא אין ארץ ישראל און נאך גאר אין אונזער שטעטל כפר אתא...

גלייכצייטיג האבן זיך אויך דארט באטייליגט מיינע צוויי פעטערס החזן הידוע ר' ליפא לויאש ע"ה ואחיו ר' אהרן ע"ה. איך געדענק ווי זיי האבן לכבוד די שמחה געזינגען דעם נייעם זמר אויף 'שושנת יעקב' וואס פעטער ר' ליפא האט מחבר געווען אין יענע יארן, און בשעת'ן זינגען די ווערטער 'ארור המן' האבן זיי זיך געוויזן מיטן פינגער איינער אויפן צווייטן און דער עולם האט זיך דארט געהאלטן ביי די זייטן...

(צווישן אנשי שלומינו איז באוואוסט אז דער דערמאנטער זמר אויף 'שושנת יעקב' האט מיין פעטער ר' ליפא מחבר געווען בשנת תשכ"ה, נאך וואס אונזער קרוב הרה"ח ר' יקותיאל הערש ווערצבערגער ע"ה האט פון אים געבעטן א נייעם ניגון דאס צו זינגען בצילא קדישא פון רבינו הק' זי"ע. אבער דאס איז נישט ריכטיג, נאך וואס איך האב פון אים געהערט אט דעם ניגון ביי מיין שמחת התנאים בשנת תשי"ז לפ"ק).

### מיין שווער הרה"ח ר' שמואל הערשטיק ז"ל

איידער מיר זענען ממשיך, דארף איך זיך אפשטעלן מיט עטליכע ווערטער איבער מורי חמי הרה"ח ר' שמואל הערשטיק עליו השלום.

מיין שווער הרה"ח ר' שמואל הערשטיק ז"ל איז א דעעש'ער פונדערהיים, ער איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה"ק בעל זכרון יעקב מדעעש זצ"ל הי"ד וועמען ער האט גלייכצייטיג זוכה געווען צו משמש זיין בקודש אלס 'הויז בחור'.

נאך די חתונה מיט מיין שוויגער ע"ה וועלכע שטאמט פון הוניאד, האבן זיי זיך באזעצט אין א דערנעבנדיגן דערפל מיטן נאמען 'קערעצער' וואו דער שווער האט זיך געלערנט שחיטה אויף עופות.

### מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו

איך וויל דא דערציילן ווי עס האט זיך געפירט מן השמים אז דער שווער ע"ה זאל איבערלעבן די קריג אינאיינעם מיט די גאנצע משפחה, ומעשה שהי' כך הי':

ווי דערמאנט האבן זיי זיך באזעצט אין א דערפל נעבן הוניאד, און ווען די אונגארישע זענען אין יאר תש"א אריינגעקומען און איבערגענומען די גאנצע געגנט פון די רומענער, איז אויסגעפאלן אז דער דאזיגער שטעטל איז געבליבן אין רומעניען, און די דערנעבנדיגער שטאט הוניאד איז אריבער צו די אונגארן. מיין שוויגער ע"ה האט פארפירט אז זי וויל בשום אופן נישט ווערן אפגעטיילט פון איר משפחה אין הוניאד בפרט אין אזא שעת חירום, דעריבער האבן זיי באשלאסן זיך זאפארט אריבערצוציען קיין הוניאד איידער דער גרעניץ ווערט הערמאטיש פארשלאסן".

דער שווער ע"ה האט אנגעהויבן צוביסלעך אריבערפירן די פעקלעך קיין הוניאד, און ער איז געפארן מיט די באן עטליכע מאל אהין און צוריק. דאס לעצטע מאל וואס ער איז געפארן מיט די פעקלעך האט ער אפגעשמועסט פון פאראויס מיט די משפחה אז זיי ווארטן אים אפ ביי די באן, און ווען ער קערט זיך צוריק פון די יעצטיגע רייזע וועלן די גאנצע משפחה אינאיינעם זיך ארויפזעצן אויף די באן און אפפארן קיין הוניאד בעוד מועד.

ווי די שוויגער ע"ה מיט די קינדער שטייען און ווארטן אף דעם שווער ביי די באן, קומט דער שווער אראפ פון די באן און זאגט פאר די משפחה אז ער האט באשלאסן אז מען פארבלייבט דא, מען פארט נישט אין ערגעץ!... וואס האט פלוצים פאסירט?! ער דערציילט אז זייענדיג אין הוניאד וואו ער האט זיך מסדר געווען די חפצים, הערט ער ווי איינע פון די שוואגערס רופן זיך אן: 'וואס גייט שמואל דא טון פאר פרנסה?! ער וועט זיך אנלייגן אויף אונזער קאפ!...' דער שווער האט זיך דערפון באליידיגט און באשלאסן נישט צו פארן קיין הוניאד, זאגענדיג: 'וואס עס וועט זיין מיט די אנדערע אידן דא אין דארף וועט זיין מיט אונז אויך!!...'

דאס האט אים גערעטעוועט ממות לחיים!! נאך וואס פון הוניאד האט מען אלעמען פארשיקט קיין אוישוויץ צו די גאז קאמערן הי"ד און אין זיין שטעטל איז יעדער געבליבן מיט די משפחות.

## שליח להולכה, שליח להצלה

עס איז כדאי צו ציטירן א מעשה נורא צווישן מרן רביה"ק זי"ע און דעעש'ער רבי'ן זצ"ל הי"ד אין וואס מיין שווער ז"ל האט געהאט א שייכות (די מעשה האט געשריבן דער שרייבער הרה"ח ר' משה פריעדמאן ע"ה אין 'דער איד' פרשת ויגש שנת תשמ"ה לפ"ק) ווי פאלגענד:

"ווי נאר עס איז אויפגעשטעלט געווארן די טרויעריג בארימטע 'קוזא-גאגא' רעגירונג אין יאר תרח"ץ האט זיך פאר די רומענישע אידנטום אנגעהויבן גאר שווערע צייטן. די ערנסטע גזירה וואס איז ב"ה נישט פארווירקליכט געווארן איז געווען, דורכצופירן א פאגראם איבער די רומענישע אידן אין די גאנץ נאענטע טעג, לויט ווי מען האט שפעטער געשמועסט איז דער דאטום באשטימט געווארן אויף זונטאג י"ב אדר תרח"ץ.

"דער סאטמארער רבי זי"ע איז נאך עטליכע וואכן אוועקגעפארן קיין אורשיווע וואס איז געווען אין טשעכאסלאוואקיי. בקשר מיט דעם איז כדאי צו דערציילן וואס עס האט דערציילט ר' שמואל הערשטיק ע"ה וועלכער איז יענער צייט געווען א בן בית ביים דעעשער רב הרה"צ רבי יעקב אלימלך פאנעט זצ"ל.

"ווי ס'איז באקאנט, איז גאגא ימ"ש געווען פון שטעטל טשיטושא נעבן דעעש, און היות גאגא האט זיך געקענט פערזענליך - להבדיל - מיטן דעעשער רב, האט גאגא אים געשריבן א בריוו, אז ער וועט זיין דער וועלכער וועט דורכפירן איבער אידן דאס וואס די פריערדיגע שונאים האבן נישט באוויזן דורכצופירן ח"ו. גאגא האט ווייטער געשריבן, אז ער ווייסט גאנץ גוט אז המן הרשע האט געהאט א מיאוס'ן סוף, אבער היינט איז דאך נישט דא קיין 'מרדכי'...

"ווי דער דעעשער רב זצ"ל האט געלייענט דעם בריוו - דערציילט ר' שמואל הערשטיק - האט ער זיך אנגערופן: "נו, מיר וועלן זעען..." ער האט תיכף גענומען דעם בריוו, צוגעשריבן אפאר ווערטער און צוגעשיקט צום סאטמארער רבי'ן זי"ע, איך בין געווען דער שליח אים איבערצוגעבן דעם בריוו - דערציילט ר' שמואל - ווי איך האב איבערגעגעבן דעם בריוו פאר'ן רבי'ן, האט ער עס דורכגעליינט און רעאגירט מיטן זעלבן לשון: "נו, מיר וועלן זען..." נאכדעם איז דער רבי געפארן קיין אורשיווע.

"ווי איך האב פארשטאנען פונעם דעעשער רב - פירט אויס דער איד - האבן זיך די צוויי צדיקים איינגעטיילט צווישן זיך, אז איינער וועט ארבעטן אויפן ארט, דארט וואו די סכנה האט געלויערט, און איינער זאל פרובירן מעורר רחמים צו זיין זייענדיג אינדרויסן, אויסער דעם מקום סכנה...

ווי עס איז באקאנט די היסטאריע, ווען ממש פון איין מינוט אויף די צווייטע האט זיך אלעס איבערגעדרייט לטובה, דאנערשטאג נאכט, אור ליום י' אדר א', האט דער קעניג ארויסגעגעבן זיין באפעל אראפצוזעצן דעם רשע פון בענקל, און ארעסטירן אלע פירער פון זיין גרופע, און מ'האט זיי אלע באלד געשאסן צום טויט. דער רשע גאגא ימ"ש האט געכאפט א סטראוק ל"ע, און ארום א יאר צייט איז ער געלעגן ווי אן אבן דומם, ביז ער האט אויך גע'פגר'ט, כן יאבדו כל אויבך ה'.

כ"ק מרן רבינו הק' זלה"ה דערמאנט דאס ענין אין ספה"ק "על הגאולה ועל התמורה" (סי' ל"ו) וזל"ק: "וזכור אזכור מה שאירע אצלינו במדינת רומעניע סמוך לשנות המלחמה בשנת תרח"ץ כאשר המיצר לישראל נעשה ראש רשע ואכזר צורר היהודים גאגא נתמנה לראש המלוכה במדינה ההיא וגזר גזירת כליון ואבד רח"ל על כל תושבי המדינה, וכבר היתה הגזירה חתומה והיה פחד גדול על היהודים וגזרנו תענית ויום תשובה ותפלה לבטל הגזירה".

"וימים אחדים לפני יום התענית שהוקבע חמל השי"ת עלינו והורד הרשע הנ"ל מכסאו ונתבטלה הגזירה לגמרי והיה נס גדול מן השמים שניצולו אלפים ורבבות ישראל מגירוש והריגה רח"ל".

אז איך רעד פון מיין שווער ע"ה, איז כדאי צו דערמאנען אז בעת מיין שווער און שוויגער ע"ה זענען ארויסגעקומען קיין ניו יארק אויף די בר מצוה פון מיין זוהן ר' נחמי' שלמה נ"י וואס איז פארגעקומען אין די טעג ארום יו"ט שבועות שנת תשל"ב לפ"ק, האט מיין שווער ע"ה אנגעפרעגט ביים רבי'ן זי"ע וואס ער זאל טאן בנוגע יו"ט שני של גליות, און דער רבי האט אים גע'פסקנ'ט אז אויב ער געפונט זיך דאהי אינאיינעם מיט זיין בני בית זאל ער האלטן צוויי טאג יום טוב.

**פאָרזעצונג קומט אי"ה**



הרה"ח ר' שמואל הערשטיק ז"ל (לינקס מיט די שווארצע בארד), שווער פון ר' יושע הי"ו, אינאיינעם מיט זיין ברודער ר' משה מנחם הערשטיק ז"ל (רעכטס מיט די גרויע בארד - זיין איידעם איז געווען כ"ק אדמו"ר רבי מרדכי דוד כהנא זצ"ל מספינקא), שטייענדיג אונטער רבינו הק' מסאטמאר זי"ע בשעת הגבהת הספר תורה אין ביהמ"ד אהל רחל דסאטמאר אין ירושלים, בעת ביקורו הקודש בשנת תשי"ב